STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10405

LIDER

M. Shifris

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שיפרים

לידער

פֿאַרלאַג „קולטור"
ניו יאָרק
.1922

Copyright, New York, 1922
By Farlag "Culture"

מיין ליבער מוטער.

מדבר

ע־סענקאָרי

עס גיט קיינער ניט קיין רו
דער נאכט אין מדבר דאָ:
שאַקאַלען שלינגען שטיקער נאכט אַריין
און וויינען זיי ארויס.
פייער־צונגען פארלענדען שטיקער נאכט
און ברענען לעכער אין איר אויס.
און די באנדעס בעדואינער ארום,
פארשרייען זי און פארקלאפען זי
מיט'ן מאָנאָטאָנעם פליעסק פון הענט
צים טאקט פון ציענדיגען ליד:
„קאָם לי־לי,
קאַ־אַם יאָם."
ע־א־ע, ע־אָ־ע.
— ווער בויערט עס דאָרט א ניגון אין דער נאכט?
— ווער טאַנצט דעם טאַנץ פון נאַר?
— יעלא, יעלא,
— ע־סענקאָרי.

די פייערצונגען טאַנצען פריילאַך.
איבראַהים נאָך פריילאַכער.
אַ פּאַפּירען מיצעל אויפ׳ן קאָפּ,
דעם בויך ארויסגעשטעלט,
די הענט ווי צוגעטשעפּעטע,
די צונג ארויס,
די אויגען אויסגעגלאָצט.
מאָנאָטאָנער פינגער קלאַפּ
אויף אָריענטאַלישע פייקלאך.
ווילדער געלעכטער און געשרייען:
אַך, אַך — אַך, אַך — אַך, אַך!
הענט געפּליעסקעריי
און פייערדיגע פינגער פון ארום:
— מאַגנון, מאַגנון.
ניין, ניין,
די שאַקאַלען וועלען שוין ניט אַריבערוויינען,
דער ניגון וועט זיך שוין ניט דורכבויערען.
די פייערצונגען טאַנצען פריילאַך,
איבראַהים נאָך פריילאַכער.

לידער

ראכאמא

ווער עס האָט ראכאמא׳ן ניט געזען,
דער האָט קיין שטאָלצע פאלמע ניט געזען.

ווער עס האָט ראָכאָמאָס שענע אויגען ניט געזען
דער האָט דאָס ליכט פון אַללאַ ניט געזען.

מאָכט ראָכאָמא אירע אויגען צו —
שטאָרבט די זון פאר מיר.

מיינע געצעלטען

מיינע געצעלטען האָב איך פארלאָזען.
די גאַנצע מדבר האָב איך דורכגעוואַנדערט.
ניטאָ קיין זאַמדעלע אין ראַפאַ,
וואו איך האָב מיין שטערען ניט אָפגעקלאפּט.
אין מיינע תפילות צום אלמעכטיגען אַללאַ
האָב איך מיינע אויגען אויסגעוויינט —
האָב איך דאָס זאמד מיט בלוט געפלעקט.
נאָר דאָס געוויין פון די שאַקאַלען איז שטאַרקער
פון מיין געוויין —
די גאָלדיגע זאַמדעלאַך האָבען זיך געחברט
און מיינע טרערען פארדעקט.
די מדבר־ווינטען האָבען פון מיינע ליפּען
די תפילות ארויסגעריסען
און אויף אַלע זיבען ימים צעטראָגען;
האָבען די ימים מיינע תפילות
ווי דאָס שטויב פון זינדיגען
אויף דער גאָרער וועלט צעטראָגען.
האָט אַללאַ מיין געבעט ניט פארנומען,
און ראַכאַמאַ, צו וועמען מיין הארץ גלוסט,
האָט מיין שטים ניט געהערט.

זיבען וועגען

זיבען וועגען האָט דער מדבר,
זיבען פאַרלאַנגען האָט מיין הארץ.
וועל איך וואַרטען ביז די זון וועט אונטערגיין,
ביז איך וועל מיין שאָטען שוין ניט זען.
און צוזאַמען מיט די שאַקאַלען
וואָס קומען אָן פון אַלע זיבען וועגען
וועל איך מיין שטים לאָזען הערען.
מיין שטים אויף אַלע זיבען וועגען—
וועלען מיינע אויגען אויסרינען פון טרערען,
וועט מיין הארץ מיט די זיבען פאַרלאַנגען
אויסגיין אויף אַלע זיבען וועגען.

— — — — — — — — — — — — — —

זיבען וועגען האָט דער מדבר.
זיבען פאַרלאַנגען האָט מיין הארץ.

אונטער גיהנם פייער צונגען

אונטער גיהנם פייערצונגען,
אויף אָנגעגליטען גאָלדשטויב,
גליט מיין לייב.

מיין גומען,
א געל געקאָרטשעט בלעטעל,
ביי די פיס פון הערבסט.

דאָס מויל,
אַן אויסגעטריקענטער טייך.

די בליקען,
גאָלדענע שפּיזען וואָס שפּריצען מיט פייער.

די הענט,
שלאַנגען ציען זיך קעגען דער זון,
און זשופּען מיט די פינגער!

„אָך, אַ אַללאַ,
מאיע פּאַר דיין קנעכט".

ווי אַ פּגר פון אַ פאַרטריקענטער יאַשטשערקע
קאַרטשעט זיך מיין לייב.
עס קריכען שוין די מוראַשקעס אויף מיר.

און מיט אַמאָל —
אויפ׳ן אָנגעגליטען שפּינוועב, —
זילבער כוואַליעס אונטער גרינעם שאָטען.

ראַכאַמאַ מיט׳ן קרוג אויפ׳ן קאָפּ.
רעגענבויגען פּערל פאַלען פונ׳ם קרוג.

ביים איך מיט׳ן לעצטען ביסעל כח מיינע הענט,
און לעק דאָס לעצטע ביסעל בלוט אַראָפּ.
אָבער די שלענג קענען שוין ניט זשיפּען,
און די צונג איז שוין אַ שטיקעל בליי.

עס איז אַלעס שוין פאַרטריקענט,
און מיט׳ן לעצטען ביסעל כח
אָטעמט אוים מיין אָטעם:
מ — אַ — יע — —

משח שוֹפרים

איבראהימ'ס טויט

איבראהים קלאפט זיין שטערען אין זאמד.
און אז די זון פאלט ארונטער אין ים —
און דער בער מיט שווארץ-האריגע לאפעם
לייגט זיך אויף דער מדבר ;
ע-א-ע.
ע-א-היי.
ווער הערט דאן איבראהימ'ס געשריי ? —
אז טויזענטער שאקאלען האט די מדבר-נאכט
און ווי טויזענטער קליינע קינדער וויינען זיי ;
ווער הערט דאן איבראהימ'ס געשריי ? —
איבראהים האט א הארץ
מיט פייער-פול — צום פלאצען ;
וואס זאל ער טאן ? —

מיט בײדע הענט רײסט איבראַהים זײַן ברוסט.
מיט זײַן געשרײ רײסט איבראַהים די נאַכט.
מיט רויטען בליאַסק רײסט זײַן האַרץ די נאַכט.
די שוואַרצע נאַכט.

די שאַקאַלען האָבען הײנט אַ סעודה פון האַרץ,
רויט האַרץ,
בלוטיג האַרץ.

און ווער וועט איבראַהימען באַווײנען?
די שאַקאַלען וועלען אים באַווײנען.
ווי טויזענטער קלײנע קינדער
וועלען זײ אים באַווײנען.

דער ווינט האָט די שפּורען פאַרשאָטען,
דאָס זאַמד האָט די פאָרם געביטען.
וואָס זשע ווײנען די שאַקאַלען אַלע נאַכט?...

נאָכ׳ן שניט

— — — — — — — — — — — א קבר,
מיט אַ צלם פון קאָנסערוון בלעכלאַך געמאַכט.
— — — — — — — — — — — א קבר
מיט א מייז־צוגריזשעט ברעטעל:
"Unknown sailor found by the sea."

די באַפּאַנצערטע האנט
האָט יאָרען לאנג געזייעט.
האָט די ערד
די שפּראָצונגען ארויסגעגעבען;
נאַכלעסיג צעוואָרפענע קברים,
אויף די געלע פעלדער פון ראַפּאַ,
ביי די ברעגען פון פּאלעסטינא.

ס׳האָט פריער דער ווינט
די פאָרם פון זאַמד־בערג געביטען,
שפּעטער האָט ער ווילד געטאַנצט אַ וויכער־טאַנץ:
איצט ליגט דער ווינט א מידער אויף דער ערד.
זאמעלט מען די תבואות אין די שייערען.

אַט קומט דער קאַראַוואַן אין גרויען איינגעהילט.
ברוינע קני בויגען זיך ביי די קברים
פון דער געפּאַנצערטער האַנד צוזעעט.
די הויטען פון דער ערד שיילען זיך.
באַלד וועט אַ ברודער קבר זיך טיילען אין צוויי:
שוואַרץ
און ווייס.
און מגן־דוד׳ס, און צלמים, און האַלבע לבנות,
וועלען טאַנצען אַ טויטען־טאַנץ.

ס׳האָט דעם פון דער געפּאַנצערטער האַנד
אַ בראַטען־פלייש פאַרשמעקט,
וויקעלט מען דאָס פלייש, פאַרפוילט און צוגעברוינט
אין ווייסע ליילעכער.

* * *

ציט זיך שטיל דער געלער קעמעל-קאַראַוואַן.
פון ביידע זייטען, פון די הילצערנע זאָטלען
וויגען זיך די ווייסע מומיעס
איינגעשלעפערט אין מאָנאָטאָנעם ליד
פון די קעמעל-טרייבער
און קאַראַוואַנען גלעקלאך.
דין—דין.
דין—דין.
דין—דין.
דין—דין.

* * *

די זון הינטער'ן בארג.
דער הימעל —
רויט.
קופער, גאָלד
און פייער גלאַנץ.

לעשט ער זיך —
איז ער מיט אפגעלאָשענע שטיקער אייזען אנגעווארפען.
האָט דער הימעל זיך אינגאנצען אויסגעלאָשען —
איז די פינסטערניש מיט מעסער צו שניידען.

ווי טויזענטער קליינע קינדער
וויינען די שאקאלען אין דער נאכט אריין.

ביי די אָפענע קברים
שטייט אַ יונג, דעם קאָפּ ארויף פאריסען
און וויינט שטיקער הארץ ארוים.

קאַירא

אין מיטען דער מדבר
אין א גאָלדענער ראַם,
ווי אַן אויסגעניים בילד
אויף א געלבליכער קאַנווע —
אויפ׳ן שפינוועב פון גאָלד־שטויב
באַוויזט זיך קאַירא.
דער שמעלץ־טאָפּ,
וואָס שמעלצט ניט צוזאמען.

קאַירא.
העכער פון דער שטילקייט אין דער מדבר
שרייט דער טומעל אין קאַירא.
און העכער נאָך פון אלעם
שרייען דאָ די פארבען.
און פאַלסטו אריין אַ גאַסט אַהער
הערען דיינע אויערן אַ געמיש פון שפּראַכען
באַגלייט פון וויינענדיגע אייזלען
און כאָרכלענדיגע קעמלען.

אונ פאלסטו אריין א גאסט אהער,
זעען דיינע אויגען אַ געמיש פון פארבען;
בעדואינער מיט'ן גאָלד-שטויב
אויף די פאַלדיגע אַבאַיעס.
טערקען מיט רויטע פעסען און זיידענע טראַלדען.
פרויען מיט פאַרשטעלטע פנים'ער, ווי קרעציגע.
אַנדערע מיט גרויסע רינגען אין די נעזער
און פיאַסטערס איינגעפלאָכטענע אין שווארצע האָר.
אראַבער מיט לאַנגע העמדער
און רויט געפארבטע נעגעל.
פראַנטען מיט ווייס-געפרעסטע הויזען,
מיט העלם-היטלען — איבערגעקעהרטע שיפלאך
אויף זייערע קעפּ.

און פֿאַלסטו אַרײַן אַ גאַסט אַהער,
דוכט זיך דיר,
דו געפֿינסט זיך אויף אַ ריזיגען מאַסקאַראַד
וואו מענשען גייען אום פֿאַרשטעלט,
און באַלד וועט איינער אַרויפֿשפּרינגען
אויף יענעם מעטשעט,
לעבען סולטאַנס שיינעם פּאַלאַץ
און אויסשרייען:
— אָט יענער שטאָלצער בעדואינער־יונג
מיט דער זיידענער קעפּיע
אין גאָלד געשפּינטען אַגאַל אויפֿ'ן קאָפּ,
קריגט דעם ערשטען פּרייז.
ווילדער אויסגעשריי:
— יעלא!
— יעלא!
דערנאָך וועט אַ פּאַיאַץ אין אַ מיץ מיט גלעקלאַך
פֿאַר דיר זיך טיף פֿאַרנייגען
און דיר אַרויסשטעלען אַ צונג.
— אַך, אַך, אַך!
— אַנטי מאַגנון!
— אַנטי מאַגנון!

די וואַזאַ

אין מיט פון דער שטאָט,
רואיג און זאַט,
געצערטעלט פון דער ווייכער גומי
פון די רייכע עקיפּאַזשען —
ברייטע ליגען זיך די רייכע גאַסען.
און הינטער זיי
אָנגעוואָרפענע ווי בערגלאַך מיסט
הינטער׳ן פּאַרקען פון אַ רייכען הויף
ליגען די געסלאַך פון דער וואַזאַ.

פון מיט פון דער שטאָט
שרייט אַרויס די רייכע זעט.
פון הינטער דער שטאָט,
שרייט אַרויס די גרויסע נויט.

דער טייפעל ווייסט,
ווער ס'האָט די ווענט פון די הייזלאַך אָפגעריסען —
די אויסגעלאַסענהייט אין מיטען גאַס אוועקגעשטעלט
און אירע לעצטע קליידער אַראָפּגעצויגען,
טיר און פענסטער אויפגעמאַכט
און לייב און לעבען אויפגעדעקט.
פרויען אויף די שוועלען אויסגעזעצט
מיט אויפגעדעקטע פּים און בריסט
פון אַלערליי קאָלירען.
און אַלע רופען מיט די אויגען
און ווינקען מיט די לייבער
און מאַניען
און ציען
און רייסען.
און לאָזט זיך וואו אַראָפּ אַ לאָדען,
פאַלען קנאה בליקען אויף דעם לאָדען —
אַ קונה דאָרט פאַראַן — — — —
און די הייזלאַך ציען זיך
און ציען זיך
אין דער וואַזאַ פון קאַירא.

ד ע ל א ו ו י ר א

קאַבאַרעט־טענצערינס אין אַ האַלבער לבנה.
איינע אין די אַנדערע אַנגעהאַלטען
וויגען זיך, וויגען זיך.
דעלאַווירא
אין אַ קורץ־פּאַריסען טיולען קלייד,
אויף די שפּיץ־פינגער
טאַנצט אַרום.
רונד אַרום.
אַ שאַרפער ריח:
יונגען
פאַרשכור׳טע פון וויין און ווייב,
מיט פאַרוואָרפענע קעפ און נאַכלעסיג אַראָפּהענגענדע הענט
מיט אויסגעליידיגטע פלעשער.

לידער

די בויגיגע דעלאווירא
טאנצט ארום האלב פאר׳שכור׳ט
אויפ׳ן זוים
פון א פלאש פינקעלדיגען שאמפאניער.
א גליטש —
האפ !
בלאנדע האר כוואליען זיך אויף פערעלדיגען שוים.
קליינע פיסלאך,
ראזע פינגער־שפיצען
טאנצען אויפ׳ן דעק פון גלאז.
און א ווייסער שוים פון ראזעווען שאמפאניער,
פינעט אויף בלוט־רויטע ליפען.

משה שיפרים

מיט אַ ווילדען הויב פון איר פאַרשייטען פּוס
האָט דעלאַווירא
דאָס אכט־עקיג קעסטעלע
פון דער בעסטער גראַוויר־קונסט
צושטערט.
און אין פינטעלע —
איך —
די האָר ווילד צעוואָרפען,
צוויי לאַנגע שטריכען ארום מויל.
און פון מיינע בלאָע אויגען,
וואָס פאלען אין גרינקייט אריין,
קוקען וואָלפּישע אויגען אַרוים.
גרינע פייערלאך,
זשיפּענדע שלאַנגען מיט גיפטיגע צונגען,
בעסטיאַלישע געשטאַלטען,
לויערען פון זיי.

ב.

דעלאווירא.
איבער דיר,
ארום דיר:
רעגעבנויגענס.
רעגענבויגענס.
רעגענבויגענס.

רונד ארום:
צוועלף יאפּאנעזישע לאמטערנעס;
צוועלף רויטע פּאסען אויפ׳ן וואסער.
א פּאלאץ מיט צוועלף רעגענבויגען-זיילען.
אויף א שפּיגעל-דיל, אין רויט-ראזען שיין, —
טאנצסטו ארום.
מיט דיין יעדען שוועב אין לופט
כוואליעט זיך די גאלד-קרוין אויף דיין קאפּ.

דעלאווירא!
מיין הארץ וויגט זיך אויף די ראזע פּאלדען
פון דיין בויגיג לייב.
— — — — — — — — — — — — — —
קיינמאל וועל איך אויסזינגען מיין ליד.
קיינמאל וועט מיין בלוט אנטשוויגען ווערען.

ג.

איך גיב א הויך
און פון מיין בלויען אָטעם ווערט דער טייך פאַרפרוירען.
אויפ׳ן גרויען טייך־שפּיגעל, אונטער דעם בלויען הויך,
זע איך דיך:
אויף דיין ווייסען שאַל,
פויל פאַרוואָרפען אויף די אַקסלען,
שפּיגלען זיך די זון־פלעקען פון דיין באַק ארונטער.
דיין לינקער פוס טראָגט דעם גליטש־שוך
חנ׳עוודיג פאַררייסען אין דער לופט —
דער לעצטער זון־שטראַל אויף דיין גליטש־שוך.
דיין רעכטער פוס דרייט דעם גליטש־שוך אויפן אייז
רונד ארום
און קריצט גרויע ווערטער אויס —
היראָגליפען פון מיין איך, וואָס וואַלגערט זיך ביי דיינע פיס.

דעלאַווירא.
ווי אַ וויכער־ווינט האָסטו זיך אַ לאָז געטאָן פאַר מיר
און צושניטען מיינע רויט־ראָזע חלומות,
וואָס וועבען זיך פון מיר, ארום דיר.

דעלאַווירא.
דיין געשטאלט האָב איך אין מיינע אויגען איינגעראַמט
און די מאַגישע בליקען
וועלען זיך שטענדיג וועבען אַרום דיר.

— — — — — — — — — — — — —

מיין ליד וועל איך קיינמאָל ניט אויסזינגען
מיין בלוט וועט קיינמאָל נישט אנטשוויגען ווערען.

ד.

זיג
זאג.
אַ שוואַרצער בליץ.
אַ טעמפּעל פון שאַרבענס און קנאָכענס.
בלייכע אין שווארצע שאָטענס איינגעפלאָכטען.
אויף אַ שטול,
געפלאָכטען פון שאַרבענס און קנאָכענס, —
דעלאָווירא.
איר ראָזער קערפּער אין שוואַרצען זייד געקליידט.
אויפ׳ן קאָפּ אַ קרוין פון שלאַנגען.
צו אירע שלייפען דריקען זיך צוויי שלאַנגען־קעפּ.
צוויי צינגלאַך, גיפטיגע, פון אירע אויגען.
אויף אַ זייד־שנור, אויף איר בלייכען האַלז,
צאַפּלען זיך צוועלף אינגעל־הערצער.

איבער איר
אַ מאַנסטער מיט אַ בלאַנק־שארפע קאַסע.
אַ יונגפרוי מיט אַ באַקאַל רויטען ווײַן אין דער האַנט,
פאַריסען אין דער הויך.
פון די גאָלדענע ווײַרוך־טעפּ שלענגעלט זיך
דער בלויער ווײַרוך
און בלײַכט איר פּנים אָפּ.
אין מיטען טעמפּעל — אַ מזבח —
אַ הויפען אַנגעוואָרפענע שאַרבענס.

צוועלף ברוין-הויטיגע דינער, זעקס אין אַ ריי.
צווישען זיי, אַ שטאָלצער יונג;
אויף זיינע הענט, אַ גאָלדענע טאַץ.
אין זודיג בלוט שווימט אום זיין קאָפּ —
דער קאָפּ פון שטאָלצען איבראַהים —
אַראַביען׳ס גרעסטער שטאָלץ!
אַ לעצטער בליק פון טויטען אויג.
דער בלוי-גרויער ווייררויך פון מזבח ווערט געדיכטער
און פון די ווייררויך-טעפּ — שאַרפער.
שמייכעלסט, דעלאַווירא.
באַלד וועט אויך מיין קאָפּ אין מיין זודיג בלוט שווימען.
דער לעצטער בליק פון מיינע טויטע אויגען
וועט אויף דיין בלייכען פּנים פארגליווערט ווערען.
— — — — — — — — — — — — — — —
מיין ליד וועל איך קיינמאָל ניט אויסזינגען,
מיין בלוט וועט קיינמאָל נישט אַנטשוויגען ווערען.

ש ט אָ ט

לאנדאָן

פרימאָרגען
ליגט דער נעבעל איבער לאָנדאָן,
ווי אַ טונקעלער וואואַל
איבער דעם בלייכען פּנים פון אַ יונגפרוי.

די „לאָנדאָן-בריק״
ליגט אויסגעצויגען ווי אַ הונט,
און די שיפען ארום
צורייסען דעם וואואַל
און רעווען, ווי ניט-דערקוילעטע אָקסען.

פון הינטער די פאַרנעבעלטע שויבען
קוקען ארוים די עלעקטרישע לעמפלאַך
ווי די פאַרזשמורעטע אויגען פון אַ מיידעל
אויפ'ן שוים פון איר געליבטען.

איבער די מאַטע ליכט פּאַסען
אויפ׳ן נאַסען אַספאַלט
דרייען זיך רעגענשירמס
שוואַרצע רעגענשירמס
און אלע גייען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ,
ווי אבלים נאָך אַ טויטען־וואָגען.

נאָהענט, ביי דער בריק,
שטייט דער „לאָנדאָן־מאָנומענט"
ווי אַ שטומער וועכטער אויסגעצויגען
און אין נעבעל קוקט ער אויס
ווי אַ לעגענדאַרישער טורעם
פון אַ טערקישער פעסטונג.

ניו־יאָרק

א ריז
האָט מיט איין שפאַן געקרייצט דעם ים
און זיך ברייט און ווייט צולייגט,
ביים וואונדערבאַרען האָדסאָן,
פאַרוויכערט זיין פרידענס-לולקע
און געזשמורעט מיט די אויגען.
זענען קאַרליקעס ווי מוראַשקעס אים באַפאַלען,
מיט בליי און פּאַטשערקעס,
זיינע איינוואוינער פאַרטריבען —
און האָבען אויף זיין גוף
שטיינערנע קאַסטענס אָנגעשטעלט ;
די קאַסטענס אין קעסטלאַך צוטיילט —
א קעסטעלע פאַר יעדען
און ער האָט געשמייכעלט.
זענען די קאַרליקעס וואַגענדיגער געווארען
און האָבען אויף זיין ברוסט
הימעל קראַצערס פון אייזען געבויט
און דורך זיינע אָדערען באַנען געלאָזען לויפען.

ניו־יאָרק — דו ריז!
פון שטיין און אייזען איז דיין נאָמען אויסגעשמידט!
א ברויזענדער וואולקאן איז דיין אָטעם־צוג,
געבראזגעריי — דיין דפק־קלאפּ!
איך האָב דיך ליב — אָלעמאָל ליב!
ליבער האָב איך דיך ביינאכט — שפּעט ביינאכט:
(אָ, וויפיל נעכט בין איך ניט געשלאָפען
צו זען דיך אָ מידען.)
ווען טויזענטער גרינע פייערלאך פון ארום דיר —
ווינקען צו דיר,
ווי די זונות אין דער וואזא־געגענד פון עגיפּטען,
און דו ליגסט אזוי שטיל, אזוי שוואך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זעקס אזייגער אין דערפרי.
ווערט דיין דפק־קלאפּ שוין ווידער שטאַרקער —
ווערען דיינע נאַז־לעכער ברייטער, ציטערדיגער.
און קוקענדיג אויף דיר דוכט זיך מיר:
דו וועסט אויפוואַכענדיג זיך אַ טרייסעל טאָן,
און אַלעס אָפּשאָקלען פון זיך.

ניו־יאָרק — דו ריז!
וויפיל שפּע ברענגט צו דיר דער האָדסאָן!
וויפיל אויסגעשטרעקטע הענט ציען זיך צו דיר!
וויפיל קללות שלאָגען זיך אָן אין דיינע שטיינערנע ווענט!

אָ! ווי נעם איך צוויי ריזיגע הענט
דיך אַרומצונעמען און אויסשרייען:
מיין ניו יאָרק!

משה שיפרים

ביי מיין צייטונגס־סטענד

א ריזיגע האנד
האָט מיך אויפ'ן ראָג פון גאַס פארלוירען.
אַ מכשפה מיט א פארמעט פנים
האָט אין א שווארצער נאכט פון הינטערן פארקען
פון בית־עולם קללות געווארפען.
און אויף דער וועלט צוזייעט.
שטיי איך דאָ אַ פאַרלוירענער אויפ'ן ראָג פון גאַס.
און ווער עס גייט פאַרביי
און ווער עס האָט אַ האַנט מיט פינף פינגער,
און אין וועמעס הענט ס'זענען נאָר פאַרזייעט די קללות,
ווארפט הויפענס קללות אין מיינע הענט.
קללות, קללות, קללות...
און ווי מען קען א שווארץ געוויסען ניט אָפּוואשען, —
אזוי קען איך ניט אפּוואשען דעם שטויב פון די קללות
וואָס עסט זיך איין אין די שפּעלטלאך פון מיינע הענד,
צעפּאלענע פון ווינט.

ס׳האָט אַ מכשפה מיט אַ פֿאַרמעט־פּנים קללות פֿאַרזייעט
און איך, אַ פֿאַרשאָלטענער,
אַ פאַרלוירענער אויפֿ׳ן ראָג גאַס,
זאָפּ איין אין זיך דעם סם פון אַלע קללות:
פּענים, פּענים, פּענים.

דער שטאַפּעט

איך בין דער בליץ,
געשיקט פון עלעקטרישען שטראָם.
זיג־זאַגיש שנייד איך זיך דורך אייער מארך,
און לאָז אייך אין פלאַמענדער קאָנוואולסיע.

איך ברענג אייך די בשורה פון לעבען,
איך ברענג אייך דעם אָנזאָג פון טויט.
באַטאָג, באַנאַכט אויף אייערע זיידענע געלעגערס,
פֿאַרוואָרף איך אונזיכטבאַרע פעדים
וואָס זויגען אייער בלוט מיט אָקטאָפּוס אָרמס
און פלאָנטער אייך אַריין
אין דעם אייביגען גערודער,
אין שטאַטישען וואַקכאַנאַליע־טאַנץ.

ווי אַ שלאַנג גליטש איך זיך איבער אייערע מאַרמאָרנע טרעפּ,
דריי זיך אונטער אייערע זיידענע דעקען,
און פאַר׳סם אייער האַרץ און מארך.
איך נויג מיין קאָפּ פאַר אייך,
צו פאַרדעקען דעם חוצפה׳דיגען שמייכעל
וואָס טאַנצט פאַרשייט אַראָפּ פון מיינע ליפּען.
איך, וואָס וואָג אייער שוועל ניט אַריבערצוטרעטען,
האַלט דעם שנור פון אייער לעבען אין מיינע הענט.

איך ברענג אייך די בשורה פון לעבען,
איך ברענג אייך דעם אַנזאָג פון אונטערגאַנג.

דאָס ליד פון נאַר און אַבגענאַרטען

מיין הארץ האָט זיך א צאַפּעל געטאָן.
ס'האָט ווער מיר מיט א שווערע זאַך
דערלאנגט איבער'ן קאָפּ
און בייז באַפוילען:
לאַך!
לאַך דו נאַר,
לאַך אויס דאָס ליד פון נאַר
און אַבגענאַרטען.
האָב איך זיך ווייטוטיג
געדרייט
און קראַמפּהאַפט געלאַכט.
געלאַכט.
מיט מיינע נעגעל
זיך אין האַרץ געריעט
פּיצלאַכווייז געריסען
און געלאַכט.
איך האָב געלאַכט,
איך האָב געלאַכט,

און אויסגעלאַכט דאָס ליד פון נאַר
און אָבגענאַרטען,
דאָס ליד פון זיך אַליין. —

פ י ל י ס ט ע ר

פילִיסטער,
פאַר אייך די גאָלדענע טעג,
פאַר קליינליכען האַנדעל.
די שטראַלען פון דער זון —
אויסצובייטען אויף גראָשענס און שטיינער
צו באַהענגען אייערע אויסגעפּאַשעטע ווייבער.
פאַר אייך די נעכט
פאַר קליינליכע פאַרגעניגענס
און פאַר רו.
פאַר מיר —
די נעכט,
זיך אומצושלעפען מיט חברים
אין די שענקען.
גנב'ענען א קוש פון א קעלנערין
און אומבלאָנקען
ווי א שאָטען פון א הונט וואַגאַבונד,
אויף די גרויע ווענט פון שטאָט.

אימפּרעסיע פון א נעגער'ס געלעכטער

יעך, יעך, יעך,
יעך, יעך, יעך.

צעווילדעטע פערד פון שטורם געיאָגט
האָבען זיך איבער אייזערנע בריקען צעטראָגען.
פון אונטער זייערע פיס
האָבען פאָנטאַנען מיט רויטע שטערען געשפּריצט.
דער גיהנום האָט זיך אויפגעעפענט:
קריידיגע סקעלעטען באָדען זיך אין פייער,
און זינדיגע נשמות
שווימען אויפ'ן שוים פון פייער אום.
און שדים גיסען פייער אונטער,
און אויף דריי-ציינערדיגע גאָפּלען
כאַפּען זיי נשמות אויף,
און ווארפען זיך מיט זיי
ווי מיט א באָל אין טעניס-שפּיל.
פון אונטערגרונט
האָט זיך א רויטע שלאַנג
א דריי געטאָן,
האָבען זינדיגע נשמות
אין אָפּגרונט זיך אראָפּגעווארפען.

משה שיפרים

יעד, יעד, יעד,
יעד, יעד, יעד.

צעווילדעטע פערד פון שטורם געיאָגט
האָבען זיך איבער אייזערנע בריקען צעטראָגען.

סינאָריטא.

סינאָריטא,
פון אונטער די זיידענע פרענזלאך
פון דיינע אויגען
בליצען אַרום צוויי־זייטיג געשארפטע סטילעטען.
מיט דיינע האָר,
וואס פאַלען אַרונטער, ווי אַ שוואַרצע נאַכט,
ארום דיין קאָפּ,
פאַרשטעלסטו דעם שענסטען זון־אונטערגאַנג
איבער גרין־כוואַליעדיגע פעלדער.

סינאָריטאַ,
ווי גראַציעז צערטעלט זיך דער לייכטער שאַל
פון דיין טאַליע איבער דיין אַקסעל.
סינאָריטאַ,
שוואַרץ-זוניגע טאָכטער פון סיציליאַ.
איך ווייס ניט דיין נאָמען,
איך פאַרשטיי ניט דיין שפּראַך.
אָבער בלוט האָב איך. הייס און זודיג !
זודיגער פון ניט געצוימטע כוואַליעס.
און פאַר דיר, סינאָריטאַ,
בין איך גרייט אין אַ סטילעטן-געפעכט זיך צו פאַרמעסטן
מיט'ן גרעסטן פעכטער פון סיציליאַ.

א מעת-לעת

פאַרטאָג,
האָט זיך דער מעת-לעת אַרויפגעדראַפּעט אויפ'ן באַרג,
זיך אויסגעבאָדען אין טוי
און אַרוים אויף דער וועלט
א לויטערער,
א ליכטיגער,
מיט דער זיסקייט פון קינדער-גלידער,
מיט דער פרייד פון א גליקליכער מאַמע.

באַטאָג,
האָבען אים די גאָלד-בלאָנדע האָר פון דער זון,
געגעבען אַ נעם אַרום ווי אַ שרפה —
האָט ער זיך, א ברענעדיגער,
מיט'ן בלוט פון דער זון אין זיינע אָדערען,
צעלאָזט איבער דער וועלט
אין אַ פאַרשייט-ווילדען טאַנץ.

פאַרנאַכט,
איז ער פלעקענדיג געווארען.
אין מיט פון דער שטאָט האָט ער זיך פאַרטשעפּעט
אין דעם בויך פון דער ערד,
האָט ער געגעבען א פאַל אוועק
און געבליבען ליגען א שווארצער
מיט בלויע
און רויט צעגליטע וואונדען.

פאַרטאָג,
אז דער טומעל פון דער שטאָדט האָט נאָכגעלאָזט,
האָט ער זיך אַ מידער,
א ניט־דערשלאָפענער,
מיט בלויע און שווארצע וואונדען
גענומען שלעפּען צוריק אויפ'ן בארג.
נאָר צום שפּיץ האָט ער שוין ניט דערגרייכט —
ס'איז אָנגעקומען אַ נייער
מעת לעת.

באָד זיך דער פאָנטאָן

באָד זיך דער קליינער פאָנטאָן
אין זוניגען גאָלד,
און שפּריצט רעגנבויגען קאָלירטע פּערל
ארום און ארום.
קומט צו אַ זומער־מיידעל
און בויגט זיך אָן צו טרונקען,
קלאַפּען זיך אָן די רעגענבויגען קאָלירטע פּערל
אין די ראָזע וועגעלאַך פון איר מויל,
און קיצלען איר ווייסען האלז :
— כאַ, כאַ, כאַ,
און
— כאַ, כאַ, כאַ,
פאַלען גאָלדענע רענדלאַך
אויף קרישטאָלענע טאַצען,
און די חבר'טעם ארום כאַפּען זיי אויף :
— כאַ, כאַ, כאַ,
און
—כאַ, כאַ, כאַ.

לידער

דאָס אָנקומען פון שטורם.

אין מיטען טאָג —
איז נאַכט געווארען.
די שטילקייט
האָט זיך פון הויט געריסען,
און אויסגעטאַנצט מיט שטילע טענער
דעם זיבען-פאַרביגען טאַנץ
פון מוטערפערל.
אויפ׳ן פענסטער-וואלד פון וואולוואָרט
האָט זיך אָפּגעשפיגעלט
דער זיבען-פארביגער טאנץ
פון מוטערפערל.
די בריק האָט געעפענט
א שטאָק-פינסטערען הייל,
מיט זוכענדיגע אויגען,
מיט ברומענדע קולות
און שטילע געשרייען.
אַרום און אַרום
פארזשמורעטע פענסטער-אויגען,
און אין מיטען, —

מיט צושפרייטע הענט און פיס
יאָגען זיך שווארץ צעגאָסענע פלעקען
אין אַלע זייטען
און ווייסען ניט וואוהין. —

א זון איז געשטאָרבען.

זוי א גוסס וואס וויל ניט שטאַרבען
האָט זיך די זון מיט אירע פינגער־שטראַלען
אָנגעכאפּט,
און די קופּאָלען פון די הויכע מויערען.
א צוק געטאָן.
אפּגעלאָזט איין פינגער,
אַ צווייטען,
און געשטאָרבען.

צו וועמען

צו וועמען זאָלען זיי טענה'ן,
די ווייסע וואָלקען-שוואַנען,
אַז דער ריזיגער וואָלוואָרט
פאַרשטעלט זיי זייער וועג
אין מיטען זייער געיעג
אין די אָפענע ימים ? —
צו וועמען זאָלען זיי טענה'ן ?

איך בין דער קאַפּריז

איך בין דער קאַפּריז,
וואָס איך האָב מיר אויסגע׳חלום׳ט
אין די רויט־ראָזע נעכט
אין מיינע בלויע חלומות.
מיינע דריי־און־צוואַנציג זומערען
ברעכען זיך אונטער׳ן האַמער קלאַפּ פון מיין האַרץ,
ווי דאָס אייז־הייטעל אונטער שווערע טריט.

מיינע דריי־און־צוואַנציג יאָר
ציען זיך פויל־מיד.
אונטער׳ן שאָטען פון מיינע ברעמען.
הינטער דעם לייכטזיניגען שמייכעל אויף מיין פּנים
פּאַכעט שוין דער שווארצער פליגעל פון טויט.
די געדאַנקען מיינע,
טיפע וואָרצלען פון אַן אַלטען בוים,
זענען נאָך ווילדער פון מיינע ווילדע האָר אויפ׳ן קאָפּ.
אין די בלוי־גרינע היילען פון מיינע אויגען
קנוילען זיך גיפטיגע שלענג,
איינגעהילט אין שאָטענס פון מיינע טרוימען.

די שווערע דיכטער-קרוין
האָט נאָך קיין האָר אויף מיין קאָפּ ניט אויסגעבויגען —
און דער סצעפּטער
איז בלויז א שפּיל-שטעקעלע
אין די הענד פון מיינע דריי-און-צוואנציג פרילינגען.

וועלטען

וועלטען שיינע האָב איך אויסגעחלומט
פאר מיר.
פאר מיר.

קיינער האָט זיי קיינמאָל ניט באטראָטען.
קיינער וועט זיי קיינמאָל ניט באטרעטען.
נאָר איך,
איי-
נער

רעכטס —
דאָס גרויקייט פון אייער לעבען.
לינקס —
דאָס שוואַרצקייט פון אייער טרויער.
פון הינטען —
דאָס בלייכקייט פון אייערע נישטיגע חלומות.
פון פאָרענט —
דאָס רויטקייט פון אייער טיפען ווײ.
און אין מיטען —
איך,
מיט מיינע וועלטען אויסגעחלומטע.
מיט מיין לעבען אויסגעחלומטען.

די ריזען־שטאָט אין פלאַמען

(פראַגמענט.)

עס האָט די ריזען־שטאָט
אין פלאַמען זיך פארשלונגען —
שפינען האָבען זייער שפינוועב
אַרום דער שטאָט געוועבט,
און שווארצע קראָען
האָבען שטיקער פייער אָנגעטראָגען.
פון אונטער'ן גרויען שפינוועבס
האָבען דימענטען געפינקעלט.
אַ ווינט —
און ס'האָבען דימענטען
די ריזען־שטאָט צוצונדען.
האָט די ריזען־שטאָט
אין פלאַמען זיך פארשלונגען.

אומעטום,
רונד ארום
דער ריזען־שטאָט
האָבען רויטע שלאַנגען זיך צושפּרונגען
ווילד געדרייט און איינגעשלונגען
שטיקער נאַכט
און שטיקער שטאָט.
קלויסטער־גלאָקען
האָבען ווילד געקלונגען און אויסגעקלונגען
דאָס נאַכט־געוואַלד
פון ריזען־שטאָט.
איבער גאַס און מויער
און העכער נאָך פון הימעל־קראַצערס
האָבען שטיקער פייער
פריילאַך־פרעך
אַקראָבאַטיש זיך געווארפען

ליד ער

און אויסגעקנאַקט די פרייד
פון ווילדען פייער־טאַנץ.
אין מיטען טאַנץ
האָבען שלאַנגען־קופּער,
שלאַנגען־גאָלד,
צום הימעל זיך געטאָן א הויב
און ס'האָט דאָס פייער פון דער שטאָט
דעם הימעל איינגעשלונגען.
אַ קופּער־רויטער שפּיגעל.
אַן אָפּשיין פון שוואַרצע ליאַלקעס.
אַ רויטע שלאַנגען בייטש פון אויבען.
קלויסטער־גלאָקען
האָבען ווילד געקלונגען און אויסגעקלונגען
דאָס נאַכט־געוועלב
פון ריזען־שטאָט.

משה שיפריס

דער שנור

טעג, מיינע טעמפע טעג.
נעכט, מיינע רויטע נעכט.
וואָכעדיגע שבתים און יום־טובים מיינע.
שאַרפענדיג מיין טאַטענס חלף,
מיין זיידענס חלף,
האָב איך צעשניטען דעם זיידענעם שנור,
וואָס האָט זיך געפלאָכטען
פון דור צו דור
אין מיין זיידענס גאַרטעל,
אין מיין טאַטענס גאַרטעל.

הענט געפלאָכטענע,
פּים פּאַר׳דבה׳קעטע
אין ראָד, אין ראָד.
פאַרמאַכטע אויגען.
און אונטער די אויגען־דעקלאַך
א בלויער הימעל.
אין מיטען א שטערען
ברייטערט זיך,
רונדעט זיך
שטראַלענדיג.
לויטערער, לויטערער.
זיות השכינה.
און די הימלען עפענען זיך.
ווער קאָן דאָס ליכט פון גאָט פאַרטראָגען?

... און די ראָד דרייט זיך
פון אייביג ביז אייביג,
און דער שנור ציט זיך
פון אייביג ביז אייביג,
פון דור צו דור
אין מיין זיידענס גאַרטעל,
אין מיין טאַטענס גאַרטעל,
אין מיין — — — — — — — — — — —
אין אַן אַלטער שאַפע,
אין אַן אַלטען ספר,
ליגט דער גאַרטעל.
דער דינער פאָדים האַקט זיך. — — — —

אויף ציגאַר־פּאַפּירענע בריקען
שלעפּען זיך מיינע וועגען.
מיינע טריט זיינען ציטעריג,

וװי דער שאָטען פון אַ ליכט־פלאַם.
און מיין הארץ קלאַפּט אימער
און קילט זיך — — — — — — — — — — — —
איך האָב דעם שנור צעשניטען,
דעם צוים געבראָכען,
דעם קוואל געעפענט.
מיט מיין אייגענעם פייער
האָב איך צעוואַרימט
דאָס דורות לאַנג פארגליװערטע בלוט.
קאָכט אין מיר דאָס בלוט פון גאַנצע דורות.
(וויי, מיין הייליג בלוט!)
איצט קאָן איך עס ניט אפּהאַלטען,
טרינק איך זיך אין מיין אייגען בלוט.
איך האָב אליין
דעם שנור צעשניטען — — — —

יעמד, רב משה

אין מיטען טאָג.
אין מיטען טאָגיגען געררויש:
— יעמד רב משה ברב שלמה,
אַריין אין קאָן!
אַ קעלישאָק בראנפען צווישען פינגער־ביינדלאַך,
אַ לויב צום בורא.
דריי מאָל אַ שפּרונג:
קדוש.
קדוש.
קדוש!
דערנאָך —
ביינער־הענד אויף ביינער־הענד פאַרוואָרפען,
פוס־קנאָכען, פאַריסען
און היידא —

טאַניולאַ, העי

א האנד ביים זייט פון טויל —
און איבער פעלד און טאָל,
און איבער גרין באלאַקטער ערד
א ווייטער רוף:
„ — טאַ—ניו—לא, העי!"
„ — טאַ—ניו—לא, העי!"

און פון אונטער ערד, א בארג,
און איבער שווארצע חורבות פון דער נאכט —
און איבער קעפ פון שווארצע ראָבען
א פארדומפּטער רוף:
„ — טאַ—ניו—לא, העי!"
„ — טאַ—ניו—לא, העי!"

צוויי ווערטער
פון א ניט געענדיגטען ראָמאן,
פון א פארשטאָרבענעם חבר.

יצחק לעמליך.

און וואָס איז מיר פון דיר, דען נאָך געבליבען,
טויטער חבר מיינער? —
אַ שאַרבען אויף קנאָכענם צוויי,
מיט נאָזלעכער פּאָריסענע און שוואַרץ.
און העכער טיפע לעכער צוויי,
און ציין פאַרשצירעטע.
(אין אויסגעהוילטען מח
וואַרף איך איצט דאָס אַש פון מיין ציגאַרעט
וואָס ציטערט אין מיין האנד
ווי א סקעלעטען פינגער.)

טויטער חבר מיינער,
וואוהין פירען די צוויי שוואַרצע טיפענישען
פון א מענשען׳ס שאַרבען?
טויטער חבר מיינער,
דיינע קרובים צינדען ליכט פאר דיין נשמה
און ציילען דיינע יאָר־צייטען
און פאָרען צו דיין קבר אָפט אַרוים
און איך —
מיט וואס זאָל איך זיך טרייסטען?

טויטער חבר מיינער,
ווי לאָזט מען עס איבער א חבר אזוי?
(מיין נאָמען איז דאָך אויף דיינע ליפּען
פארגליווערט געווארען.)

אַט בלאַנק איך אַרום
אויף די אָנגעגליטע שטיינער פון דער שטאָט,
פון בלוט און מארך פעט.

און צווישען גרילץ פון די טראַמוויין
און צווישען דעם געבראזג פון שטאָל און אייזען,
און ביליגען מארק-גערויש
ציט זיך אַ דינער פאָדים,
ווי דער שפּינוועב אָנהויב פרילינג:
„— טאָ—ניו—לאָ, העי!"
„— טאָ—ניו—לאָ, העי!"

טויטער חבר מיינער,
פאר וואָס האָב איך ניט זוכה געווען
נענוג צו לייטערען זיך אין דיין ליכטיגקייט
צו קענען דערטרוימען
דיין טרוים פון — „פאָן באַבראַוואָסקי",
דיין ניט דערענדיגט שוואַנען ליד —
פאר וואס?

אראביזם

אבאיע. — א ברייטער מאנטעל אהן ארבעל.

אגאל. — אזא בייגעל וואס די אראבער טראגען אויף די קעפ.

אנטי מאגנון. — דו ביזט צודרייט, משוגע.

וואזא.—די געגענד וואו עס געפינען זיך די אויסגעלאסענע הייזלאך.

יעלא.—שנעלער.

מאיע.—וואסער.

ע'סענקארי.—אזא טאנץ מיט משונה'דיגע נארישע העויות.

פיאסטערס.—טערקישע מטבעות.

קעפיע. — א טוך, וואס אראבער טראגען אויף די קעפ.

קאם לילי.—וויפיל נעכט.

קאם יאם.—וויפיל טעג.